**העס"ק צענטער קעיס מענעדזשמענט - נייע וועלט פאַר מיטגלידער און משפחות**

העסק צענטער איז נישט באַוואוסט און פאַררופט זיך נישט אַלס אַ האַוזינג אַגענטור וואָס ספּראַוועט זיך מיט היימלאָזיקייט, קיין טרעוול אַגענטור וואָס אַראַנזשירט נסיעות קיין אויסלאַנד – אָבער ווי עטליכע פעלער שטרייכן אונטער איז נישטאָ קיין פעלד וואָס איז אויסער העסק צענטער'ס טעריטאָריע, וואָרים העסק שטעלט צו אַלעס וואָס עס איז נאָר נויטיג פאַרן וואוילזיין פון זייערע מיטגלידער: אין קורצן שליסט עס איין אַ וועלט מיט סערוויסעס און געברויכן.

מיר באַציען זיך בעיקר צו איינע פון די פיל-פאַרביגע, געוואַלדיגע סערוויסעס וואָס דער העס"ק צענטער שטעלט צו פאַר די מיט ספּעציעלע געברויכן און זייערע משפחות: די "קעיס מענעדזשמענט" סערוויס.

עס איז אומבאַשרייבליך ווי ווייט די געניסער און זייערע משפחות זענען דאַנקבאַר פאַר די פּראָגראַם, וואָס האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגער אונטערשיד אין זייער מצב און האָט געעפנט פאַר זיי נייע וועלטן. עס שטעלט זיי צו באַלערנדע צופרידנשטעלנדע באַשעפטיגונגען, וואָס עפנט זיי אויף נייע מעגליכקייטן, גיסט אַריין אין זיי אַ פרישע חיות און בויט אויף זייער זעל און כוחות.

עס איז שווער צו כאַראַקטאַריזירן אין אַ באַגרעניצטע באַשרייבונג וואָס קעיס מענעדזשמענט באַדייט – ווייל וואָס באַדייט עס נישט? אַ קעיס מענעדזשער לייגט זיך אַריין אינעם באַטרעפנדן'ס מצב, אייגענשאַפטן, לעבנסשטייגער, ערציאונג, דירה, אַרבעטס-פּלאַץ און אין יעדן פרט וואָס מ'קען פאַרבעסערן, צו פאַרזיכערן אַז דער באַטרעפנדער געניסט פון אַ גליקליך לעבן.

אַ קעיס מענעדזשער אַרבעט מיט די עלטערן, געשוויסטער און משפחה פון די מיטגלידער, צו העלפן די באַטרעפנדע אין יעדן הינזיכט, אָנגעהויבן פון אידענטיפיצירן זייערע געברויכן – ווי זייערע געזונטהייט און מעדיצינישע אָנגעלעגנהייטן. דערנאָך אַרבעט מען אינאיינעם אויס אַ פּלאַן און אַ סטראַטעגיע ווי אַזוי אַמבעסטן צו צושטעלן יענעם'ס געברויכן, און די קעיס מענעדזשער

פאָלגט נאָך מיט ערלעדיגן אַלע נויטיגע פאָנדס און אויסאַרבעטן די טעכנישע איינצעלהייטן צו קענען צושטעלן די געברויכן און צוגעהערן פאַר דעם מיטגליד.

עלטערן און פאַמיליע מיטגלידער וועלכע ווילן צושטעלן פאַר די באַטרעפנדע דאָס בעסטע וואָס נאָר מעגליך ווערן אָפט פאַרלוירן, נישט וויסנדיג וועלכע אָפּציעס זענען אַלץ פאַראַן ארויפצואַרבעטן און פאַרבעסערן די מעגליכקייטן פון דעם באַטרעפנדן. אפילו ווען זיי ווייסן יאָ וועגן פאַרשידענע מעטאָדן און צוגעהערן וואָס עס זענען עוועילעבל פאַר זייער באַליבטן, ווייסן זיי נישט ווי אַזוי צו צוקומען דערצו, ווי אַזוי דורכצושווימען די ביוראָקראַטישע פראָצעדורן עס צו ערלעדיגן א.ד.ג.

אין די פעלער ערשיינט אַ העס"ק קעיס מענעדזשער ווי אַ מלאך המושיע. נאָך וואָס די העכסט איבערגעגעבענע, ערפאַרענע און וואַרימע קעיס מענעדזשערס לייגן זיך אַריין אין די באַטרעפנדע'ס מצב און נעמען איבער די קעיסעס, באַווייזן זיי ב"ה גדולות ונצורות – אַדאַנק זייער ערפאַרונג און אומערמידליכע אַרבעט – צו צושטעלן פאַר די געניסער די מערסט-געאייגנטע צוגעהערן און געברויכן צו פאַרבעסערן זייער מצב.

דיביישפילן זענען פיל-צאָליגע, אָבער מיר וועלן זיך באַגענוגען מיט עטליכע, וועלכע צייגן די ראָלע פון אַ קעיס מענעדזשער, און וואָס מ'קען ערגרייכן, אַדאַנק די נויטיגע קענטעניסן, קאָנטאַקטן און עקספּיריענס, און בעיקר די אומבויגזאַמע אַרבעט צו דערגרייכן פאַרן מיטגליד אַלעס וואָס עס איז נאָר מעגליך, און אפילו אַזעלכע זאַכן וואָס זעט אויס אוממעגליך.

נישט לאַנג צוריק האָט זיך געוואָנדן צום העס"ק צענטער אַ פאַל פון אַ מענטש מיט דריי דיסעבעלד קינדער וועלכע ער האָט אַדאָפּטירט און גענומען אויף זיך זיי אויפצוציען. מיט די צייט איז דער באַטרעפנדער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיין דירה, און ער מיט די דריי קינדער זענען געבליבן אָן קיין דאַך איבערן קאָפּ. עס איז זיך נישט פאָרצושטעלן ווי פאַרצווייפעלט דער באַטרעפנדער איז געווען, און וואָס אַזאַ מצב האָט באַדייט פאַר די דריי קינדער. אויסער וואָס זיי

זענען געווען היימלאָז אין בוכשטעבליכן זין, האָט דער ערוואַקסענער זיך נישט געקענט געהעריג אָפּגעבן מיט זיי אונטער אַזעלכע אומשטענדן.

העסק צענטער'ס קעיס מענעדזשער האָט זאָפאָרט ערלעדיגט ביי די נויטיגע אינסטאַנצן אַ רעזידענץ פאַר די דריי קינדער, בעת מ'האָט אויך אויסגעאַרבעט אַז דער פאָטער וואָס האָט זיי אַדאָפּטירט – זיי זענען שוין געווען געוואוינט צו אים, און ער האָט געהאַט דעם ריכטיגן צוגאַנג און באַקאַנטשאַפטן ווי אַזוי אַמבעסטן זיי אויפצוהאָדעווען און ערציען – איז געשטעלט געוואָרן אַלס שטאַב מיטגליד אין די רעזידענץ. היינט ב"ה וואוינען די קינדער אין אַ וואַרימע, געטרייע היים, וואו מ'שטעלט זיי צו אַלע געברויכן, בעת דאָס האָט זיי נישט געצווינגען זיך צו שיידן פון זייער געטרייער לעבנס באַגלייטער.

אין אַ צווייטן פאַל האָט די העס"ק קעיס מענעדזשערס אַרבעט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי די ניו יאָרקער אָדער אַמעריקאַנער גרעניצן, נאָר האָט איינגעשלאָסן "אָווער-סיעס" פאַרבינדונגען.

עס האָט זיך געהאַנדעלט פון אַ 49 יעריגן מיטגליד וועלכע האָט געהאַט שטאַרק חשק און האָט גע'חלומ'ט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ווען די שטאַרקע גליסטענישן פון דעם באַטרעפנדן צו מאַכן די נסיעה איז אָנגעקומען צום העסק צענטער קעיס מענעדזשער איז עס אַריבער פון די חלום פאַזע, צו אַ פאַרוויקליכונג פלאַן וואָס האָט ב"ה צושטאַנד געברענגט די רייזע פון וואָס דער באַטרעפנדער איז צוריקגעקומען אויפגעלעבט און עס האָט אַריינגעגאָסן אין אים אַ סיפוק החיים וואָס וועט אים אי"ה הייבן און באַגלייטן אויף גאָר לאַנג.

אין צוגאָב צו געווענליכע טראַוועל אַראַנזשירונגען – ווי ערלעדיגן די געלט פאַר די טיקעט, באַשטעלן די טיקעטס און ערלעדיגן די זיץ פלעצער, באַשטעלן אכסניות א.ד.ג. – האָט דער קעיס מענעדזשער דאָ צוגעשטעלט באַגלייטער פאַר דעם באַטרעפנדן וואָס פאַרשטייען צו אים און קענען זיך אָפּגעבן מיטן באַטרעפנדן במשך די רייזע און ווײַלנדיג אין ארץ ישראל. אָבער דאָס איז נישט אַלעס. מ'האָט אויסגעאַרבעט אינטערעסאַנטע ערטער וואו ער זאָל באַזוכן, וואָס זאָל אים אַריינגיסן עמערס חיות און פאַרגעניגען, און מ'האָט אפילו אַפּירגעזוכט אַ קרוב אין ארץ ישראל,

מ'האָט זיך פאַרבינדן מיט יענעם, ערקלערט דעם פאַל, און אַראַנזשירט אַז יענעם'ס משפחה זאָל אויפנעמען דעם פאַמיליע מיטגליד אויף אַ וויזיט.

די וואָס האָבן אָפּגעוואַרטן דעם מיטגליד ביים לאַנדן אין לופטפעלד קומענדיג צוריק אַהיים, האָבן זיך נישט געגלייבט וואָס זיי זעען. דער מיטגליד איז נישט געווען צו דערקענען. ער איז געווען געהויבן און גליקליך - עס איז ערפולט געוואָרן זיין וואונטש און לעבנס-טרוים: ער איז געווען אויף אַ רייזע קיין אויסלאַנד ווי אַלע אַנדערע מענטשן, ער איז געגאַנגען אויף אינטערעסאַנטע ערטער, און איבער אַלעמען האָט ער אפילו געטראָפן אַ קרוב אין די אַנדערע עק וועלט וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אינטערעסע און אים וואַרים אויפגענומען.

אין אַן אַנדערע נישט-אַזאַ שפּאַנענדע, אָבער שווערערע מיסיע, האָט אַ העס"ק קעיס מענעדזשער באַוויזן צו טוישן דאָס לעבן פון אַן 21 יעריג מיידל וועלכער האָט געענדיגט די שולע פּראָגראַם, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט אַרויסרירן פון דערהיים צוליב וואָס זי האָט זיך גענויטיגט צו שטענדיגע אָקסידזשען, איז געווען צוגעבינדן צו אַ וויהיל-טשעיר, און איז געווען אָנגעוויזן אין אַ רעספּערעיטאָר. די באַטרעפנדע האָט נישט געקענט פאָרן נאָר מיט אַן אַמבולעט ווען, און די עלטערן האָבן זיך געזאָרגט ווי אַזוי זי וועט זיך קענען אַרויסרירן פון דערהיים, אין די צייט וואָס זי איז שוין אויסגעוואַקסן דעם עלטער צו קענען גיין אין די ספּעציעלע שולע וואו זי ביז דעמאָלט געווען.

זינט די העס"ק קעיס מענעדזשער איז אַריינגעקומען אין בילד זענען אַלע זאָרגן צובלאָזן געוואָרן. מ'האָט צוגעשטעלט אַלע מעדיצינישע צוגעהערן אויף אַ וועג וואָס מ'זאָל עס לייכט קענען אַרויסטראָגן, מ'האָט מאָדיפיצירט די גאַנצע הויז – אַדאַנק ערלעדיגטע סובסידיעס – און עס ספּעציעל צוגעשטעלט לויט אירע געברויכן און באַקוועמליכקייטן. היינט קען זי זיך פיל לייכטער באַוועגן און אַריבערגיין פון איין אָרט צום צווייטן, אויך איז פיל גרינגער געוואָרן אַריין און אַרויסצוגיין פון שטוב. די קעיס מענעדזשער האָט אויך צוגעשטעלט פאַר די באַטרעפנדע אַ

צוגעפּאַסטע דעי-העב פּראָגראַם וואָס זי קען מיטהאַלטן טראָץ די פיל באַגרעניצונגען און אָנגעווייזנקייטן, און עס איז אויך דאָ אַמבולעטע טראַנספּאָרטאַציע פון און צו די דעי-העב פּלאַץ.

היינט איז די באַטרעפנדע אַן אַנדערע מענטש. זי איז פאַרנומען איבערן טאָג מיט צופרינדשטעלנדע באַשפעטיגונגען, זי גייט אַרויס פון דערהיים, אַנשטאָט וואָס מ'האָט אין אָנהייב זיך געזאָרגט אַז זי וועט דאַרפן בלייבן איינזאַם אין שטוב.

נאָך אַ שטאַרקע אָפּשפּיגלונג וואָס פאַר אַ אונטערשיד אַ קעיס מענעדזשער קען מאַכן, איז דער פאַל מיט אַ פּאַרהייראָטער מענטש וועלכער איז געוואָרן געשעדיגט אויפן מח. די משפחה איז געווען פאַרצווייפעלט ווי אַזוי ער וועט ווייטער קענען אָנגיין מיטן לעבן. אָבער ביי העס"ק האָט אַלעס אַ לעזונג – אַנשטאָט טיילווייזע באַגרעניצונגען זאָלן גענצליך איינשפּאַרן און אָפּשליסן דעם מענטש, איז די קעיס מענעדזשער אויפגעקומען מיט אַ סטראַטעגיע ווי אַזוי אויסצונוצן די מאַקסימום כוחות מיט וואָס יענער איז פאַרבליבן.

אַדאַנק די אומערמידליכע אַרבעט האָט מען צוגעשטעלט אַ רעזידענץ וואָס איז ספּעציעל געווען אויסגעשטעלט לויט יענעם'ס געברויכן און באַגרעניצונגען. אויך האָט מען אויסגעאַרבעט אַ אייגנאַרטיגע אינדיווידועל צוגעשניטענע טאָג באַשעפטיגונג לויט יענעם'ס כוחות און מעגליכקייטן. היינט איז דער באַטרעפנדער באַשעפטיגט, און ער לעבט און נוצט אויס די מאַקסימום מעגליכקייטן, וואָס מ'האָט זיך אַמאָל נישט געקענט גלייבן אַז ער וועט עס קענען באַווייזן.

צומאָל זענען עלטערן אַזוי איבערגענומען, אַז זיי דרוקן אויס באַדויער פאַרוואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָנדן צו אַ קעיס מענעדזשער יאָרן פריער. ווי עס איז געווען ביי אַ 39 יעריגער מאַן וועלכער איז געווען צוגעבינדן און האָט זיך קיינמאָל נישט אַוועקגערירט פון זיין מוטער. ווען די משפחה האָט זיך געוואָנדן צו אַ העסק צענטער קעיס מענעדזשער, איז מען נאָך געשפּרעכן מיט די עלטערן און שטודירן דעם פאַל אויפגעקומען מיט אַ סטראַטעגיע ווי אַזוי יענעם צו מאַכן מער זעלבסטשטענדיג און ער זאָל קענען פאַרברענגען מיט מענטשן. פאַר דעם צוועק איז געוואָרן

צוגעשטעלט אַ גאַנצע "סופּאָרט טיעם" וועלכע האָבן אים באַגלייט און פאַרברענגט מיט אים, ביז ער האָט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן צו צוגעוואוינען אַרויסצוגיין אָן די מוטער.

היינט איז דער באַטרעפנדער אָנגעשלאָסן אין אַ דעי-העב רעקריעישאָנעל פּראָגראַם, וואָס שליסט איין פאַרשידענע אינטרעסאַנטע, און באַלערנדע אויספלוגן, וואָס ברענגט אַריין די מיטגלידער אין אַ געזעלשאַפט און עס לערנט זיי אויס פאַרשידענע ידיעות וואָס ציעט זייער אינטערעסע. ווי אויך פאָרט ער אַוועק פונדערהיים אויף אַ יערליכע לאַנגע טריפּ, אַ זאַך פון וואָס מ'האָט זיך נישט געקענט חלומ'ען בעפאָר די קעיס מענעדזשער איז אַריינגעקומען אין די געשיכטע.

די עלטערן זענען איבער גליקליך אַז זייער קינד פאַרברענגט מיט מענטשן, ער גייט אַרויס, און פאָרט אפילו אַוועק אויף לעבהאַפטיגע אויספלוגן, און ער ווערט שוין זעלבסטשטענדיג.

דאָס איז בלויז אויפן שפּיץ גאָפּל – עטליכע ביישפּילן – ווי אַזוי העסק צענטער'ס קעיס מענעדזשמענט סערוויס קען אַרויסהעלפן מיטגלידער געניסן פונעם לעבן, ווערן זעלבסטשטענדיג, און זיי צושטעלן אַלע אַרומיגע צוגעהערן צו האָבן אַ גליקליך און צופרידן לעבן.

דאָס איז אין צוגאָב צו די טאָג טעגליכע קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס, ווי העלפן צושטעלן ספּעציעל מעדיקעיד, סאָשעל סעקיוריטי, דיסעביליטי, און אַנדערע פּראָגראַמען פון וואָס זיי קענען געניסן.

פיל-צאָליגע מענטשן האָבן ב"ה אַ גליקליך לעבן, אַ צופרידנשטעלנדע באַשעפטיגונג במשך די טאָג, אַ צוגעפּאַסטע דירה, גייען אַרויס און פאַרברענגן אין אַ געזעלשאַפט און אַנדערע הילף - אַדאַנק די שטענדיגע באַגלייטונג פון אַ העסק צענטער קעיס מענעדזשער וואָס מאַכט זיכער אַז אַלעס קלאַפּט, זיי האָבן אַלעס אין וואָס זיי נויטיגן זיך, צו געניסן פון אַ גליקליך לעבן.